

**Dovid Katz in his father's village,Michalishek, Lithuania (now Belarus).** Photograph by Rimantas Dichavichius.

Dovid Katz is the first American born after the Holocaust to have published books of fiction in Yiddish. The recipient of numerous literary awards, including the 1997 Manger Prize, Katz is the author of *Eldra Don* (1992), *The Flat Peak* (1993), and *Tales of the Misnagdim in Vilna Province* (1996).

Born in Brooklyn in 1956, Katz is the son of Yiddish poet Menke Katz, who raised Dovid entirely in Yiddish. After completing a Ph.D. in Yiddish at the University of London, Katz founded the Yiddish studies program at Oxford. Katz has just launched a new summer Yiddish program in Vilnius, Lithuania, starting this August. A resident of Wales, he writes a regular column for the Yiddish *Forverts*.

Why write Yiddish fiction in the 1990s? For Katz the choice was "not a conscious decision." It was only after his father's death in 1991 that Katz felt compelled to write in Yiddish, which formed a "spiritual bond" to his father and the "life-long 'Yiddish dialogues' that could not stop after his death." While Katz believes that "the continuity of Yiddish as a living language should be at the forefront of the goals" of Ashkenazi Jewish organizations, he insists he does not write in *mameloshn* for its own sake. "The point is to create works that stand on their own merits, not to create them just because they're in Yiddish."

"The Return of Noah-Anshel" was awarded second prize in the 1998 Dora Teitelboim Foundation's Jewish Cultural Writing Contest. The other winners included "Six Lines," by Joseph Magdol (first place); "The Carp," by Jacob Jaffe (third); "The Wooing of Rivka," by Marla Saletta and "Pelham's Parkway," by Allyson Blaymol (honorable mentions). The Dora Teitelboim Foundation and *Pakn Treger* would like to congratulate the winners and thank all who submitted their stories and poetry.

—*The Editors*

# The Return of Noah-Anshel

*by Dovid Katz*

Translated by Miriam Beckerman

Noah-Anshel, the local kabbalist, lived by himself on Maran Hill, between Shulin and Ignalina, in the province of Vilna. He ate the fruit of the trees in his grove, storing pears and apples in his step-down cellar for the bleak Lithuanian winters. He drank from the clear waters of the brook that flowed down the hill, first to the Christian village Maran, and then on to Jewish Palush some two viorsts down the road.

The Christians in Maran used to bring Noah-Anshel bundles of logs to burn in his oven, kindle-sticks to light up his hut at night, and once in a while, milk and honey. Nobody knew with what he paid them. At any rate, these were no ordinary Lithuanian peasants. Friday evening they lit candles; true, long after sundown, but something to marvel at nonetheless. It was said in those parts that they were Marranos who had forcibly been converted to Christianity five hundred years earlier back in Spain. They wandered through Europe until they reached Lithuania, where they set up their huts at the foot of this hill. It wasn't long before their settlement became known as Maran.

In the summer months, the Jews of Palush bathed in Lake Lusha and Lake Dringa, on the road to Antalkon. Maran was on their way. From time to time they would look up onto the hill and spot Noah-Anshel. He wore a "Jewish cap" with a wide visor and gently rounded top, and a blue-checkered shirt of flannel. His white beard was not overly long. As if in compensation, it was cottony and dense, and fell into three overlapping circles, like a train of three clouds in the Lithuanian sky.

But nobody lives forever.

On a frosty day in the month of *Shvat* (which is after all the Angel of Death's favorite month), one of the Christians from Maran came running to Palush. He made for the studyhouse and in a hushed, choked voice, told the old Jews huddled over their huge tomes of the Talmud—they were immersed in a difficult passage in tractate *Hagigo*—that the "*rabbin* on the hill," as he called Noah-Anshel, had died. Yesterday he walked around and today he lies a corpse. So among

# נח־אנשיל פון יענער וועלט

**פון דוד קאַץ**

אויפן מאַראַנער באַרג ביי פּאַלוש, אַדאָס איז פּאַלוש וואָס צווישן שולין און איגנאַלינע, איז אַ קליין שטיבעלע געשטאַנען. אין שטיבעלע האָט זיך געלעבט אַן אלטער פּרוש, נח־אנשיל ט׳מען אים גערופן. געגעסן האָט ער אויפּס פון די ביימער וואָס אין סעדל אויפן באַרג. געטרונקען האָט ער פון די לויטערע וואַסערן פון קוואַלעכל וואָס האָבן זיך פון מאַראַנער באַרג אַראָפּצוצו אַנגעיאָגט, צוערשט אין פויערשן דאָרף מאַראַן, וואָס אונטן, און נאָכדעם אין יידישן פּאַלוש, אַ מהלך קיין צוויי וויאָרסט ניט.

מאַראַנער קריסטן האָבן נח־אנשלען צוגעטראָגן שייטלעך האָלץ אויף דעם אויוון צו הייצן, קינעלעך אויף די שטוב ביינאַכט צו באַלייכטן, ווען ניט ווען מילך און האָניק. מיט וואָס ט׳ער זיי אויסגעסילוקט, דאָס׳ט קיינער ניט געוואוסט. איבעריקנס איז דאָס אין מאַראַן ניט געווען סתם קיין פויערים. פרייטיק צו נאַכט האָבן זיי געצונדן ליכט. אמת, לאַנג נאָך דער שקיעה. פאָרט. אין יענע מקומות ט׳מען גערעדט אַז דאָס איז געווען פון די אָפּגעשמדטע יידן וואָס האָבן מיט א יאָר פינף הונדערט פאַר דעם אויסגעוואַנדערט, בימי גירוש ספרד, אין יאָר קנ״א, וואָס דערויף האָט נחום הנביא געזאָגט: „אל קנא ונוקם יי״. אַזוי ווי מ׳האָט זיי גערופן, אַזוי־אַ האָבן זיי דעם ישוב זייערן אין ליטע גערופן. מאַראַן.

זומערצייט זיינען די פּאַלושער יידן אַוועק אָטכאַיען זיך ביי די אָזערעס לושע און דרינגע, אין וועג פון אַנטאַלקאָן. אונטערוועגנס, אין מאַראַן, האָט מען פון מאָל צו מאָל דערזען אויפן באַרג נח־אנשלען. ער איז געגאַנגען מיט אַ „יידיש היטל״ מיט אַ ברייטן קאָזיריק, אַ שוואַרצן זשילעט און געלאַטעטע הויזן. דאָס בייקענע העמד איז געווען אָנגעמאָלן מיט בלויע קעסטעלעך. די ווייסע באָרד איז געווען ניט קיין איבעריקס לאַנגע, דערפאַר איז זי גלאַנציק־געדיכט געווען, ווי דריי לבנות איבערגעלייגט איינע איבער דער אַנדערער, ווי אין סיוון אַ וואָלקן.

אייביק לעבט מען ניט. אין אַ פראָסטיקן טאָג אין שבט, ער איז דאָך דעם מלאך־המותעס באַליבטסטער חודש, איז אין פּאַלוש געקומען צו לויפן אַ קריסט, פון די מאַראַנער קריסטן, ער האָט די יידן אויפן שולעף מיט אַ צעהעשעטע קעלעכל געגעבן צו וויסן אַז דער „ראַבין״ אויפן מאַראַנער באַרג איז געשטאָרבן. נעכטן איז ער אַרומגעגאַנגען, היינט ליגט ער אַ מת. אַזוי ביי קריסטן אַזוי ביי יידן.

אין פּאַלוש איז דעמאָלסט קיין בית־עולם ניט געווען, האָט מען גערופן חברה קדישא פון איגנאַלינע ניט ווייט. דעם נפטר האָט מען צו קבורת ישראל אויפן איגנאַלינער בית־עולם

Publication of this story made possible by the Dora Teitelboim Foundation.

the Christians, so among the Jews.

There was no Jewish cemetery in Palush. People from the burial society in Ignalina, not far away, were called in. The departed kabbalist was given a Jewish burial in the Ignalina cemetery. Nobody knew his father's name for the traditional "son of such-and-such" part of the inscription, so they put up a small stone with the words: "Here lies the learned Noah-Anshel," with the date and the traditional gravestone ending: "May his soul be bound up in the lands of life."

Everyone forgot about Noah-Anshel. A Christian family took his books and manuscripts to the studyhouse in Palush, and moved into his hut up on the hill above Maran. But it wasn't long before the hut collapsed in an early spring windstorm, the one that also took with it the ancient beaver dam for which Maran had been known in those parts.

But Kalmenezer, the scribe of Palush, who kept the record books in the studyhouse, made a note of the day Noah-Anshel died.

Seven years later, also on a winter day, a stranger appeared in the Palush studyhouse at midday. His appearance was like that of Noah-Anshel. His walk was like that of Noah-Anshel. The Talmudists started whispering audibly.

"We used to see him up high on the hill. Everyone looks a bit alike from a great distance. All stars have the same face. And what do you think? An ascetic who died lets himself down from heaven into the studyhouse, and we simple folk have to wait for Messiah? That wouldn't be very fair, now, would it?"

"Well who doesn't know that things aren't fair in this world, ah? Hey, and maybe Messiah finally got sick of delaying his appearance forever?"

"Get out of here!"

"What's the point of yapping when we can just ask this fellow?"

"Hey there! Hello, welcome! Where are you from?"

"From Maran! Don't you know Maran Hill? It's not at all far from here."

All the bearded heads looked up in unison. Some snorted, some gasped for air, and one man giggled.

"And how do people call you?" one of them finally asked the stranger.

"Noah-Anshel, son of Leyzrosher. Say there, can a visitor here in your parts have a peak at a book of Talmud? I gather that my old books were brought here from Maran."

Kalmenezer the scribe, mustering all his human strength to mask his fright, answered in a high-pitched voice that shifted to satire before he finished his sentence.

"Sure, by all means, you go right ahead there, Reb Noah-Anshel, son of Reb Leyzrosher. Enjoy!"

He went on to explain to the mysterious guest why everyone was in shock.

"Look, it's like this, Reb Noah-Anshel. Around seven years ago," he started, slowly turning pages backwards in his *pinkes*, the record book, then fixing sharply on one entry, "no, not around seven years ago, but exactly, yes, today is the *yortsayt*, oh my God, seven years ago today, a Jew died around here, may you, sir, live to be a hundred and twenty years. He looked very much like you. In fact, he couldn't look any more like you! Or should I say, you couldn't look any more like him!? Maybe a close relative? He lived in the hut on the top of Maran Hill. He was also called Noah-Anshel, but we didn't know his father's name, he was an ascetic and kept to himself. Maybe a cousin? We gave him a burial at the nearest cemetery, in Ignalina, may he intercede for us all in Heaven."

"Oh, actually, that's me," Noah-Anshel replied, matter-of-factly. "I've taken a break from the Other World."

A shudder ran through every spine in the studyhouse. The old bearded scholars scurried outside and started to tell people on the street what had happened. A market woman started to shout:

"A ghost! There's a ghost in town! Find a shofar and drive him away!"

Chaya-Sorra the seamstress was known as the wisest person in Palush. She picked up a few female friends on the way to the studyhouse and marched right in with her coterie to confront the newcomer.

"Not a corpse nor a ghost. A charlatan is what the man is, a prankster. Could be a cousin, or even a twin brother. Now if this man wants to dance with corpses, let him go to Glubok! Even the cats in Glubok believe anything! And if Glubok won't do there's always Warsaw. They're even more gullible in Warsaw. Incredible, how easy it is to get everybody excited. He didn't die and he didn't rise from the dead!"

Noah-Anshel answered in a still small voice.

"My dear woman! Of thee and of all Palush do I beg forgiveness if peradventure I have anyone wronged. I was asked whence I came and verily I did reply. All that is now left to me to ask is that which Samuel the Prophet did ask in Gilgal: 'Here I am; witness against me before God and before his anointed: Whose ox have I taken? Whose donkey have I taken? Whom have I defrauded? Whom have I oppressed? Of whose hand have I taken a bribe to blind my eyes therewith? Tell me, and I will restore it to you!'"

The finest scholar in Palush was thought to be Shmaya the judge. Everyone started looking at him for guidance. Shmaya became angry, but not at Noah-Anshel.

"Look, a Jew rides into town, sits himself down in the studyhouse, wants to look at a book, and you all start harassing him about his resemblance to a dead man. What did you expect him to answer after such a question, ah? Open up your books, people, ah! This is a studyhouse, not





געבראַכט. דעם טאַטנס נאָמען ט׳מען ניט געוואוסט, האָט מען אויפֿן קליינעם שטיין געלאָזט אויסקריצן: „פּ נ הלמדן נח אמשיל״ מיטן טאָג און אַ „תנצבה״. און שוין.

אין נח־אנשלען האָט מען פֿאַרגעסן. מאַראַנער האָבן זיין שטיבעלע באַוואוינט. די ספֿרים האָט מען באַלד אָפּגעגעבן אין פּאַלושער בית־מדרש. סוף־כּל־סוף האָט זיך די כאַטע גאָר איינגעבראָכן אין אַ שטורעם ווינט. נאָר ביי קאַלמענעזער דעם פּאַלושער סופֿר, ער האָט דעם פּנקס געהאַלטן, איז געווען פֿאַרשריבן דער יאָרצייט.

צום זיבעטן יאָרצייט, אינמיטן טאָג, האָט זיך אין פּאַלושער בית־מדרש געיאַוועט אַ פֿרעמדער. די צורה ביי אים איז געווען די צורה פֿון נח־אנשלען. דער הילוך איז געווען דער הילוך פֿון נח־אנשלען. מ׳האָט גענומען שושקען זיך איבער די געעפֿנטע גמרות.

— יענעם ט׳מען דאָך אויפֿן מאַראַנער באַרג געזען. פֿונדערווייטנס זעט מען אַלע אויס גלייך. אַלע שטערן האָבן איין פּנים. און וואָס, אַ פּרוש לאָזט זיך גלאַט אַזוי אַראָפּ צו אין בית־מדרש און מיר דאַרפֿן אויף משיחן וואַרטן? וואַלט דאָך קיין יושר אויף דער וועלט ניט געווען!

— אי׳ דאָך טאַקע ניטאָ קיין יושר. און אפֿשר איז משיחן נמאס געוואָרן הייען זיך אַן אַן עק?

— גיי אַוועק!

— אַוואָס דאַרף מען ריידן אַ׳ מ׳קען דאָך אים אַ פֿרעג טאָן. — — — ר׳ ייד! ברוך־הבא! פֿון וואַנענט קומט אַ ייד?

— פֿון מאַראַן. הר מאַראַן קענט איר ניט? ס׳אי׳ דאָך גאָרניט ווייט!

מ׳האָט אַלע די קעפּ אַ הייב געטאָן, און אַ לייכטע קיכעניש אויסגעלאָזן.

— ווי הייסט אַ ייד?

— נח־אנשיל בר׳ לייזראָשער הייסט אַ ייד. אַ גמרא אַ קוק טאָן מעג מען ביי אייך אין פּאַלוש? דאָ דאַרף זיין די אַמאָליקע ספֿרים מיינע.

מ׳האָט אויסגעלאָזן אַ הויכע קייכעניש.

— מהיכא־תיתי, ר׳ נח־אנשיל בר׳ לייזראָשער, געזונטערהייט! — האָט אים ווי אַ גוטער ברודער געענטפֿערט דער שמש און אים גלייך אַ קלער־אויף געטאָן איבער וואָס די גאַנצע תמיה. — די זאַך פֿון דעם איז אַזוי, ר׳ נח־אנשיל בר׳ לייזראָשער, מיט אַ יאָר זיבן צוריק, גראָדע די טעג איז דאַכט זיך דער יאָרצייט, נו, אָט אי׳ דאָס, אי׳ געשטאָרבן אַ ייד, אייך צו לאַנגע יאָר. ער אי׳ געווען אויף אייך פֿאַכאָושע וואָס פֿאַכאָזשע קען זיין. אייערער אַ קרובֿ קען דאָס אַמאָל זיין? געלעבט האָט ער אין שטיבעלע וואָס אויפֿן מאַראַנער באַרג, אים ט׳מען אויכעט נח־אנשיל גערופֿן, דעם טאַטנס נאָמען ט׳מען ניט געוואוסט, האָט מען אַזוי־אַ די מצבה געשטעלט, אין איגנאַלינע, אויפֿן בית־עולם דאָרטן ליגט ער, אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין, אַ גוטער בעטער ———



— דאָס בין איך! כ׳האָב זיך אַראָפּגעכאַפּט פֿון יענער וועלט אויף אַ שליחות.

אין בית־מדרש איז געוואָרן אַ בהלה. מ׳איז אין גאַס אַרויס דערציילן וואָס האָט פּאַסירט. אַ מאַרק־יידענע האָט אויף די העכסטע טענער גענומען שרייען:

— אַ שד, אַ שד אי׳ דאָ אין שטאָט! מיטן שופֿר דאַרף מען אים פֿאַרטרייבן!

די קליגסטע אין פּאַלוש האָט זיך חיה־שרה די נייטאָרין גערעכנט. זי איז אַריין מיט אירע פֿריינדינעם אין בית־מדרש און דעם אורח אויפֿן צימבל גענומען.

— ניט קיין מת און ניט קיין שד! אַ שאַרלאַטאַן אי׳ דאָס! אַ ושוליק! אפֿשר אַ שוועסטערקינד און פֿאַמוינע אַ צווילינג ברודער. וויל ער מיט די מתים טאַנצן, טאָ זאָל ער איז גלובאָק אַוועק! אַז אַלציקעדינג גלייבט מען אין גלובאָק! פֿרומע קעץ אי׳ דאָך ביי זיי אויך פֿאַראַן. שמעקט אים ניט גלובאָק טאָ זאָל ער אַוועק אין וואַרשע! דאָרטן גלייבט מען אַלציקעדינג מיט אַ צולאָג! מיט אַ צולאָג! סאָ נאַראַנסקע התפּעלות. פּוסטע מעשׂיות! ניט געשטאָרבן און ניט געשטויגן!

האָט נח־אנשיל גענומען ריידן בקול דממה דקה:

— חשובֿע פֿרוי, ביי אייך און ביי גאַנץ פּאַלוש בעט איך פֿאַרגעבונג טאָמער האָב איך מיט וואָס עמעצן באַעוולט. מ׳האָט געפֿרעגט פֿון וואַנען קום איך, האָב איך ערלעך געענטפֿערט. בלייבט נאָר פֿרעגן אין פּאַלוש וואָס שמואל הנבֿיא האָט אין גלגל געפֿרעגט: וועמעס אָקס האָב איך צוגענומען? און וועמעס אייזל האָב איך צוגענומען? און וועמען האָב איך באַגנבֿעט? וועמען ———

אין פּאַלוש איז דאַמאָלסט קיין רבֿ ניט געווען. דער איגנאַלינער רבֿ פֿלעגט שבת צושפּאַצירן, אַן עירובֿ איז געווען, די דרשה זיינע ט׳ער אויך אין פּאַלוש דערלאַנגט. דער עלטסטער פֿון די לערנער האָט זיך שמעיה דיין גערעכנט. אויף אים האָט מען אויסגעשטעלט די אויגן, ווי גיט מען זיך דאָ אַן עצה. דער דיין האָט אַ בייזער געטאָן, ניט אויף נח־אנשלען.

— אַ ייד קומט צו פֿאָרן אין אַ שטאָט, זעצט זיך אַוועקעט אין בית־מדרש און נעמט לערנען, דרייט מען אים אַ קאָפּ מיט די מתים. אַפּלאָזן! די ספֿרים עפֿנט אויף! לערנען! דאָס אַ בית־מדרש, ניט קיין יריד! יידענעם, אינדרויסן ט׳איר ריידן אַלצדינג וואָס אייך ׳עט זיך פֿאַרגלוסטן! אַ בית־מדרש אי׳ דאָס, אַ בית־מדרש!

צו שמעיהס אַ וואָרט האָט מען זיך צוגעהאָרכט. מ׳האָט זיך אָפּגעאָטעמט, עמעצער איז פֿונדעסטוועגן ביי אַ קלאָרע געדאַנקען געבליבן, הייסט אַנגיין ווייטער. מ׳האָט זיך געעפֿנט די גמרות נאָר די אויגן האָבן זיך איבערגעדרייט פֿאַר אָנשטרענגעניש. מ׳האָט זיך געסטאַרעט קוקן סיי אין דער גמרא און סיי אויף דעם נח־אנשיל. און נח־אנשיל האָט געלערנט מיט ברען.

שמעיה דיין איז אַן אש־להבהדיקער מתנגד געווען, פֿרעגט מה־רעש און שוין בשעת די רייד באַקלערט ער זיך, ווי אַזוי דערגייט מען די זאַך. ער איז פֿון בית־מדרש אַרויס און אַ פֿור אויף איגנאַלינע געכאַפּט. דאָרטן איז ער אויפֿן בית־עולם אַוועק, ער׳ט

the town market! And you women, go outside where you can say what you like."

They obeyed Shmaya. There were sighs of relief. Someone had managed to keep his head. The men opened their large books, but soon their eyes became cross-eyed from the strain. Everyone was looking down into the Talmud and across at Noah-Anshel all at once. But Noah-Anshel was immersed in his book.

Shmaya the judge was "a certified Litvak" through-and-through. He asks what a commotion is all about and even while he's asking he's working out in his mind how to get to the bottom of the thing. He calmly walked out of the studyhouse and hopped on a sleigh heading for Ignalina. The local wagoners, who all shifted to their sleighs in the snowy months, Jews and Christians alike, felt honored to give him a ride into town. Once in Ignalina, he rushed to the old Jewish cemetery and walked about until he came upon the village undertaker, and bluntly asked him to come back with him to Palush.

"Oh, my dear Shmaya, but alas, for all our sins, people are dying and there is work to be done here! What will happen if I come with you to Palush, ah?"

"It's life and death."

"There you have it, I work with death but everyone tells me that it's his problem that is life and death. But if Shmaya the judge says go, you go, I guess. Let's go!"

By the time they returned to Palush, just about the whole town had gathered into the synagogue courtyard. Shmaya strode into the studyhouse. The Talmudic tomes lay limply upon the tables as their owners peered aimlessly into the air. Only Noah-Anshel was actually studying, with the air of a man who knows all too well how rapidly the clock tick-tocks our life away, how idiotic it is to waste even a minute.

With a measured, judge-like motion of his hand, Shmaya called Noah-Anshel over to him. With eyes dancing in unison, the rest of them followed Noah-Anshel's every move.

Noah-Anshel told Shmaya that he now wanted to walk up to Maran, to see his old hilltop. So the three of them started walking in the direction of Maran: the judge from Palush, Reb Shmaya; the undertaker from Ignalina; and Noah-Anshel from "Mount Maran," which was how he himself referred to the hill above Maran. All of the Palushites followed. "Exodus from Palush," they started joking, being a little lighter of heart by then. But it was a nervous parody, repeated more to calm nerves than to be clever.

Only Chaya-Sorra the seamstress spoke loudly and clearly, on the road to Maran.

"Fools! People can't see through a charlatan! What are we going to find in Maran among those peasants, ah? Just get a hold of this: If they really think this man got up out of his grave, why are they so nervous? They should be thrilled that Messiah is finally on his way. But this is as fake as Shabbetai Zvi was a fake messiah."

The winter sun warmed the Maran-bound trekkers from Palush. When they approached Maran, the locals mobbed them from all sides. They had caught sight of Noah-Anshel and started screaming in ecstasy:

"*Jezus, Maria! Jezus, Maria!*"

People were tearing at their own hair, crossing their chests, weeping. They took turns grabbing Noah-Anshel and kissing him powerfully, as if to accede to a Kiss of Redemption. A second Jew had risen from the grave, not three days but seven years after his death. Not in Jerusalem, but in Maran.

The undertaker from the Ignalina cemetery, who had all along been quietly scanning his memory of scores of ritual cleansings of corpses, suddenly remembered the day, seven years before, when they brought him Noah-Anshel of Maran Hill. There was a red-and-blue scar, in the shape of three twigs from a common stem, under his left elbow. He gently asked the look-alike standing beside him to please not take offense and roll up his left sleeve.

Noah-Anshel took off his coat and rolled up his left sleeve of his checkered flannel shirt. When the undertaker saw the red-and-blue scar of three twigs, he began to howl like a wolf.

"Oh no! Oh my God! It's the dead man I buried! He's walking around. A ghost! A devil! Agh!"

He fainted and dropped like a telegraph post struck by lightning onto the soft clean snow. His hair stood erect, like freshly mowed grass. The Maranite peasants rushed over with dear-horn smelling salt and vodka. As he began to move very slightly, they opened his mouth wide and forced down a swig of the spirits. They lifted him onto a sleigh and rushed him back to Palush to the "*feldsher*," or medical man.

The feldsher began to laugh. "All his life this man is busy with dead people and today he decides to faint from fright. Ta-ta-ta! Well, he's got to be smoked out. My wife runs that side of the practice."

The undertaker was placed on the sickbed. After a short while, the feldsheress appeared with a pot of boiling water which was turned green from the medicinal herbs in the compound. She placed the smoking pot beside the patient on a little table, so that its steam would penetrate his nostrils. Quick as a bolt she ignited several chunks of caked sugar in a tin tray on the floor underneath him. She proceeded to lay out a huge white sheet over everything: the patient, the boiling green solution, the sugary tray on the floor. In a split second, the patient pushed the sheet away from himself. He had been smoked out of the fright. He paid the feldsheress her fee and they brought him back on a sleigh to his cabin by the Ignalina cemetery.

In the meantime, messianic frenzy swept Maran, enveloping both the Christian Maranites and their midwinter day guests, the Jews of nearby Palush. Whether they were beholding the

אַרומגעניִשטערט ביז וואַנען ער׳ט דעם קברות־ייִד ניט אָנגעטראָפֿן. דערזען, האָט ער אים געהייסן צופֿאָרן מיט אים אינאיינעם אין פּאַלוש.

— ר׳ שמעיה דיין! ייִדן שטאַרבן בעוונותינו, ס׳דאַ אַרבעט! וואָס ׳עט זיין אַז כ׳ל אין פּאַלוש פֿאָרן, אַ?

— ס׳איז לעבן און טויט. החיים והמות!

— נו, אָט אי׳ די מעשה. אַז דער פּאַלושער דיין זאָגט לעבן און טויט ׳עט מען צופֿאָרן. געגאַנגען!

— אויפֿן פּאַלושער שולהויף איז געווען אָנגעזאַמלט שיִער ניט גאַנץ פּאַלוש. שמעיה דיין איז אין בית־מדרש אַריין. די גמרות זיינען אָפֿענע געבליבן נאָר די ייִדן זיינען פֿאַרשטאַרטע געזעסן. נאָר איין נח־אַנשיל האָט וואָרהאַפֿטיק געהאַלטן אין לערנען, מעשה ייִד וואָס ווייס וואויל ווי אַזוי דער זייגער טיקטאַקעוועט אָן שהיות, וואָס ווייס וואויל וואָס דאָס איז פֿאַר אַ וויסטן שטות ביטול־זמן.

מיט אַן אײדעלן, דייִנישן מאַך מיט אַ האַנט, האָט שמעיה צוגערופֿן צו זיך נח־אַנשלען. די אויגן ביי די ייִדן דאַרטן האָבן ווי ביי איין מענטשן נאָכגעטאַנצט אײעדע מינע פֿון דעם נח־אַנשלען. קיין ייִדן פֿון יענער וועלט האָט מען אין פּאַלוש ניט געזען.

נח־אַנשלען האָט זיך דערוויילע פֿאַרוועלט אַרויפֿקריכן אויפֿן מאַראַנער באַרג. איז מען אָוועק זאַלבעדריט אין זייט פֿון מאַראַן: דער פּאַלושער דיין ר׳ שמעיה, דער איגנאַלינער קברות־ייִד, נח־אַנשיל פֿון „הר מאַראַן״, אַזויט ביי אים געהייסן דער באַרג. גאַנץ פּאַלוש איז נאָכגעגאַנגען. „יציאת פּאַלוש!״ האָט מען זיך אַ חכמה געטאָן, לאַכנדיק מיט אַ האַלבן מויל, ווי אויף צו לינדערן די פֿלאַטערניש.

אונטערוועגנס האָט הויך אויפֿן קול גערעדט נאָר איין חיה־שׂרה.

— נאַראָנים! זעען ניט איין אַז דאָ איז אַ שאַרלאַטאַן! וואָס ט׳מען דאַרטן געפֿינען אין מאַראַן ביי די פּויערים, אַ? הער נאָר אַ מעשה! אויבע ווי האַלטן טאַקע אַ׳ דער ייִד איז אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר, טאָ וואו איז ביי זיי די גאַנצע פֿרייד אַז ס׳האַלט שוין ביי גאולה? אַ? פֿון שבתי־צבים מעשיות אי׳ דאָס! ———

די ווינטערדיקע זון האָט די גייענדיקע פּאַלושער ייִדן צוגעוואַרעמט. אָנגעקומען אין מאַראַן, איז מען צו זיי צוגעלאָפֿן. דערזען נח־אַנשלען האָבן זיי גענומען שרייען אויף די העכסטע טענער: „יעיזוס מאַריאַ״, די אייגענע האָר ט׳מען זיך בשעת מעשה געריסן. מ׳האָט זיך געצלמט, געוויינט, מ׳האָט גענומען אַ קוש טאָן נח־אַנשלען. שוין אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר אַ צווייטער ייִד, ניט קיין דריי טעג נאָר גאַנצע זיבן יאָר נאָכן טויט. ניט אין ירושלים. אין מאַראַן.

דעם איגנאַלינער קברות־ייִד האָט זיך פּלוצלונג פֿאַרגעדענקט אַז דעמאָלסט אַז ער האָט יענעם מת פֿון מאַראַנער באַרג מטהר געווען, איז געווען ביי אים אַ שראַם אונטערן לינקן עלנבויגן, ווי דריי צווייגעלעך. האָט ער ביי נח־אַנשלען געבעטן, ער זאָל קיין פֿאַראיבל ניט האָבן און פֿאַרקאַשערן דעם לינקן אַרבל.



נח־אַנשיל האָט זיך אויסגעטאָן דעם מאַנטל און פֿאַרקאַשערט דעם לינקן אַרבל פֿון בייקענעם העמד. דערזען די דריי צווייגעלעך האָט דער קברות־ייִד גענומען רעווען, אייפֿערדיק און פֿלאַקערדיק:

— אוי וויי׳ז מיר! אַ׳ דעם מת האָב איך אַליין מטהר געווען אין טהרה שטיבל! און אָט גייט ער אַרומעט! דער מת גייט אַרומעט! אַ מת! אַ שד! אַ טייוול! ———

דער קברות־ייִד איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן שניי אַ געחלשטער. די האָר ביי אים זיינען געשטאַנען דיבאָם, ווי קורצגעשאָרענע גראָז. די מאַראַנער האָבן געשווינד געבראַכט צו טראָגן משקע מיט הירשהאָרן־זאַלץ. מ׳האָט אים דעם קאַלנער אויסגעשפּילעט און אַריינגעגאָסן בראָנפֿן אין מויל אַריין. ער האָט זיך צעהוסט. מ׳האָט אים אַרויפֿגעלייגט אויף אַ שליטן און אָפּגעפֿירט גאַלאָפּ אין פּאַלוש צום פֿעלדשער.

דער פֿעלדשער האָט זיך צעלאַכט.

— אַלע זיינע יאָרן האָט ער צו טאָן מיט די טויטע און היינט איז אים איינגעפֿאַלן ער זאָל זיך אָפּשרעקן. טע טע טע. נו, דעם ייִדן דאַרף מען אויסרייכערן! מיט די זאַכן פֿאַרנעמט זיך די ייִדענע.

דעם חולה האָט ער אַוועקגעזעצט אויפֿן קראַנקל־שטול. אַוועק אַ ווײַלינקע, איז געקומען צו לויפֿן די פֿעלדשערין מיט אַ טאָפּ מיט הייסע וואַסער וואָס איז גרין געווען פֿון די הייל־גראָזן וואָס זי׳ט דאַרטן פֿאַרן אויפֿזידן אַריינגעטאָן. דעם טאָפּ האָט זי אַוועקגעשטעלט לעבן אים אויף אַ טישעלע, די פּאַרע זאָל אים אין די נאָזלעכער אַריין. בליץ־געשווינד האָט זי אָנגעצונדן עטלעכע שטיקעלעך צוקער אויף אַ בלעכענעם טאַץ אויף דער פּאָדלאָגע. אַ גרויסן ווייסן לײלעך האָט זי נאָכער איבערגעצויגן איבער אַלעמען: דעם ייִדן, דעם טאָפּ מיט די הייסע גרינע וואַסער, דעם טאַץ מיטן ברענענדיקן צוקער. אין אַן אויגנבליק האָט ער דעם לײלעך פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן. געהייסן האָט דאָס אַז ער איז אויסגעהיילט פֿון דער אָנשרעקעניש. דער פֿעלדשערין האָט מען באַצאָלט שׂכר־רפֿואה. דעם קברות־ייִד ט׳מען אָפּגעפֿירט אַהיים.

דערווײַלע איז אין מאַראַן געוואָרן אַ משיחישע התערותא, ביי די מאַראַנער קריסטן מיט די פּאַלושער ייִדן אינאיינעם. צי משיח בן יוסף, צי גאָר בן דוד, צי יעזוס קריסטוס פֿונדאַסניי, איז די זעאונג וואָס פֿאַר זייערע אויגן ווי אַלעמען אַ זעאונג פֿון קדשי קדשים געווען.

advent of Messiah son of Joseph, or the real one, the son of David, or the return of Jesus Christ, everybody assembled was gripped with an ecstasy of the End of Days.

Noah-Anshel climbed up Maran Hill. The crowd followed him part of the way up until he indicated with a wave of his hand that he wanted them to go no further.

As if for the sake of days gone by, he stood by himself, deep in snow, in the cluster of trees where he used to commune with God, in solitude, all those years. He started softly to chant the afternoon prayer, oblivious to the crowd of Jews and Christians below, who remained so quiet that every word of the prayer could be heard. After each "*omeyn*" of the Jews, the Christians of Maran offered their own "amen," as if they were saying amen to the amens of the Jews of the next village, as if they had gone back five hundred years.

Noah-Anshel came down the hill and said good-bye to the Christians of Maran. They kissed him and tried to bow to him, but he started back toward Palush. An afternoon frost was taking hold. Without meaning to, the Palushites formed a circle around Noah-Anshel on the road back home, as if it were forbidden to stand too closely to someone who returned from the world to come.

They arrived at the synagogue courtyard in Palush. Shmaya the judge opened the studyhouse. He invited inside only Noah-Anshel and the regulars who studied there every day.

A little fellow with a red beard and a flat head breathed in deeply and posed the first question.

"Please forgive me for asking, dear Noah-Anshel, were you really in the Other World?"

"Where else, in Malodetchna?"

"Then you have partaken of the *shor-habor*—the buffalo in Paradise—and the Leviathan?"

"May you be well, my dear man! Those are all Grandma Toltza's stories, they are. There is no food and no eating in the Other World. It is all pure spirit. The soul has nothing to do with such trivialities. The Lower World is a web of trouble and vexation. Here a tooth hurts and there a promise is broken."

"What are you talking about? The Talmud is very explicit about the Other World. It's in chapter '*Hamoykher*' in tractate *Boba-basra*. What's the matter, dear fellow, in the Other World they don't think much of *Boba-basra*? Then I'll believe anything! The Almighty castrated the male of the Leviathan, and the female he slaughtered and salted, all as a treat for the saintly in the Other World!"

"May you be well, my dear man! First of all, what if the Talmud quotes a scholar's view, ah? Even a great scholar can make a mistake. And in any case all of this is told in analogies and allegories, because people can be spoken to only in language they understand. It doesn't begin to resemble what things are like in our world."

A second studyhouse regular began to speak. He was dark-complexioned and his beard was black as coal.

"Reb Noah-Anshel! So what do you do there all day, in the Other World?"

"There are no days and there are no nights!"

"So what do you do there without days and without nights?"

"Ay-ay, what do you do, what do you do? The soul does not do anything. It is, it knows that it is, it understands, it contemplates, Pure understanding and tranquil contemplation. What happiness!"

An old man who used to study the kabbalah by candlelight by himself, late at night in the studyhouse, wanted to know just one thing.

"Are there reincarnations of souls of erstwhile people?"

"Yes."

Shmaya the judge started racing through his own questions. It was as though he felt that he was talking through a window that would not long remain open.

"Noah-Anshel son of Leyzrosher! You have borne witness to us that the soul in the Other World knows, understands, and contemplates. Fine. Does that mean that the soul cannot have an impact for good, here in the Lower World?"

"Can have, cannot have! It doesn't care! Except maybe once in a Jewish Diaspora! What does it need when it is content, ah? Let me give you an example in your language. When someone rescues himself from a filthy, dark pit where all sorts of ugly things swarm, and survives to live a happy life in the free air, will he go back to the filthy, dark pit, ah?"

"I see, so there is no pity in the Other World. Are all the tribulations here in the Lower World—"

"The point is that there is no point in continuing to concern ourselves with you lot! Everything in your world comes to nothing in the end anyhow. 'Vanity of vanities,' said Koheles, and right he was. When something is put right in your world, it is only to be spoiled again even more later!"

"But Reb Noah-Anshel, doesn't the Mishna say that all the people of Israel have a portion of the World to Come? All Jews—"

"Stop talking in generalities. What it means is that the possibility is there for a soul to develop. But of a hundred people that die, ninety-nine remain rotting corpses in the ground. Only the higher souls make it to the Other World."

"Reb Noah-Anshel son of Leyzrosher! Of all the Palushites who have died, surely the souls of some carry on in the Other World!"

"Some."

נח־אנשיל איז אַרויף אויפֿן מאַראַנער באַרג. דער המון איז אים נאָכגעגאַנגען. ווי פֿון בענקשאַפֿט־גאַרונג וועגן האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען מנחה דאָרטן אין סעדל וואו ער פֿלעגט אַלע יאָרן ביחידות אַפּדאַוונען מיטן רבונו של עולם. ניט מיט קיין שליח־ציבורדיקן קול ווי ביים עמוד, נאָר מיט אַ ווייך־הימלדיקן בת־קול האָט ער גענומען זאָגן אשרי. אויפֿן באַרג איז שטילשווייגעניש געווען, אַזש איטלעך וואָרט ט'מען דייטלעך דערהערט. נאָך יעדן „אָמן" וואָס ביי די יידן האָבן די קריסטן אינאיינעם נאָכגעזאָגט זייער „אַמן", עלעהיי די יידן פֿון שכנותדיקן פּאַלוש זיינען אין אַ גוטער שעה זייערע שליחי ציבור צום אייבערשטן געוואָרן, אין טאָג ווען דער זיבנהונדערטיקער מת נח־אנשיל האָט זיך אומגעקערט אין מאַראַן.

נח־אנשיל האָט זיך מיט די מאַראַנער קריסטן געזעגנט. זיי האָבן זיך מיט אים צעקושט, זיך געבוקט פֿאַר אים. ער איז אַוועק מיט די יידן צוריקצוצו אין פּאַלוש. אַ פֿאַרנאַכטיקער פֿראָסט האָט זיך געשטעלט. גייענדיקערהייט האָט מען אַרום נח־אנשלען אַ קרייז געמאַכט, עלעהיי ס'איז קיין דרך־ארץ ניט שטיין אין דער נאָענט פֿון דעם וואָס איז אויפֿגעשטאַנען תחית המתים.

מ'איז אָנגעקומען אויפֿן פּאַלושער שולהויף. שמעיה דיין איז אין בית־מדרש אַריין. ער האָט אַריינגעלאָזן נח־אנשלען מיט די יידן וואָס פֿלעגן דאָרטן אַלע טאָג לערנען צווישן מנחה־מעריב. ווייטער קיינעם.

די ערשטע קשיא האָט געשטעלט אַ קליין יידעלע מיט אַ רויטער באָרד און אַ פּלאַטשיקן קאָפּ.

— האָט ניט קיין פֿאַראיבל, ר' נח־אנשיל, איר זייט טאַקע געווען אויף יענער וועלט?

— וואָדען, אין מאַלאָדעטשנע?

— האָט איר דאָך געגעסן פֿונעם שור־הבר מיטן לויתן!

— איר זאָלט געזונט זיין! דאָס אי' אַלצדינג מעשיות פֿון די באָבע טאָלצע! אויף יענער וועלט עסט מען ניט! לויטערער גייסט איז מען! די נשמה האָט ניט צו טאָן מיט די אַלע קלייניקייטן! די אונטערשטע וועלט איז דאָך אַן אָפּקומעניש, אַן אַנשיקעניש, דאָ טוט ווי אַ צאָן און דאָ רעדט מען נאַרישקייטן.

— אַוואָס רעדט איר?! אַז ר' יהודה ברענגט דאָך פֿון רבם וועגן דאָרטן אין פּרק המוכר! וואָס, פֿון בבא בתרא ט'מען ביי אייך אויף יענער וועלט ניט געוואוסט?! אַ קאַשעף אַ מעשה! דער אייבערשטער האָט פֿון לויתן דעם זכר מסרס געווען, די נקבה ט'ער געשאָכטן און צוגעזאַלצן, אַ כיבוד פֿאַר די צדיקים אין עולם־הבא! „סירס את הזכר והרג הנקבה ומלחה לצדיקים לעתיד לבוא" ———



— געזונט זאָלט איר זיין! ערשטנס, איז מאַלע וואָס ער האָט געזאָגט, אויך אַ גדול בתורה קען האָבן אַ טעות! אַחוץ דעם גייט דאָך עס אין משלים, מ'רעדט דאָך צום מענטשן אויף זיין לשון, ס'הייבט זיך ניט אָן.

אַ צווייטער ייד האָט גענומען ריידן. ער איז געווען אַ שוואַרצער, ווי די קוילן איז ביי אים געווען די באָרד, ער איז געווען שלאַנק ווי אַ לאָקש.

— ר' נח־אנשיל! איז וואָס טוט מען דאָרטן אַ גאַנצן טאָג אויף יענער וועלט?

— אַז ס'קיין טעג ניטאָ און קיין נעכט ניטאָ!

— איז וואָס מאַכט מען דאָרטן אָן טעג און אָן נעכט?

— וואָס מאַכט מען, וואָס מאַכט מען. די נשמה מאַכט ניט גאָרנישניט. זי איז. זי ווייס אַז זי איז. באַנעמט. זאַפּט איין. זי איז תופס. זי קלערט. די קלערונג איז ביי איר לויטערע קלערונג. העלע באַנעמונג. אייביקע פֿרייד.

אַן אַלטער תלמיד חכם וואָס האָט זיך געפּאַרעט מיט די ספֿרי ח"ן האָט איין זאַך מערניט געוואָלט וויסן.

— גלגולים זיינען דאָך פֿאַראַן!?

— פֿאַראַן.

דאָס ווייניקע האָט שמעיה דיין גענומען אויספֿרעגן מיט אימפּעט, עלעהיי ער האָט מורא אַז דאָס פֿענצטערל וועט לאַנג ניט אָפֿן בלייבן.

— נח־אנשיל בר' לייזראָשער! איר זאָגט דאָך עדות אַז די נשמה אויף יענער וועלט באַנעמט, זי זאַפּט איין, זי איז תופס. און צום גוטן פּועלן קען זי ניט, אויספֿירן לטובה דאָ אויף דער וועלט, איז זי ניט מסוגל?

— מסוגל, ניט מסוגל! אַז ס'גייט איר ניט אָן! סיידן איינמאָל אין אַ גלות! אַוואָס דאַרף זי דאָס האָבן אַז איר איז דאָך גוט? אַ משל אויף אייער לשון: אַז אַ מענטש ראַטעוועט זיך אַרויס פֿון אַ פֿינצטערער, קויטיקער הייל, אַ הייל וואו עס קריכן אַרומעט שרצים מיט מיאוסקייטן, און ער איז זוכה צו וואוילשטאַנד אויף דער זוניקער לופֿט, 'עט ער זיך ווייטער אַראָפּלאָזן דאָרטן אין הייל, אַ?

— קיין רחמנות איז אויבע אַזוי דאָרטן ניטאָ? אַז אַלע יסורים דאָ אויף דער וועלט ———

— אַז ווייטער פֿאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט אייך אַלעמען האָט דאָך קיין זין ניט. ביי אייך ווערט דאָך אַלצדינג סיי ווי געפּטרט! מאַכט מען צורעכט, מאַכט מען נאָך מער קאַליע!

— ר' נח־אנשיל! כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. אַלע יידן ———

— אַוואָס רעדט איר אין דער וועלט אַריין! פֿון הונדערט וואָס שטאַרבן, ליגן ביין און ניינציק אין דרערד און פֿוילן. נאָר די העכסטע נשמות קומען אָן אויף יענער וועלט.

— נח־אנשיל בר' לייזראָשער! פֿון די אַלע פּאַלושער וואָס זיינען נפֿטר געוואָרן איז וועער ניט זיכער אויף יענער וועלט אַרויף.

"Our old town rabbi, Reb Avrom-Meir, no doubt?"

"No, he's not there."

"The great scholar Reb Yosha-Benyomin of blessed – "

"Not there."

"The master of the studyhouse, Reb Lyokem-Meyshe of ble – "

"Not there."

"All right. So who is there from Palush?"

"From the day Palush was founded until this very day, there have been three. (Myself, I'm from Maran, I don't count as a Palushite, of course.) The kabbalist Reb Arra-Leyba. The rabbi's wife Gitka who ran the girl's school here. And Chaika the pauper who used to go around healing the sick chickens of poor people."

"That's all?"

"That's all."

"And what is the common denominator? Were they all exceptionally good people?"

"What's 'exceptionally good'? They spent their lives concentrated only upon beautiful things. They reached the two heavens known as *Tiferes* (beauty) and *Hod* (splendor). They didn't let a single ugly stain impact upon their souls."

"And they too have no desire to come down now and again, and do something good over here?"

"What for? It's so boring here and useless. That is why the Lower World is, at best, for one in a hundred, a passageway. A way station."

The townspeople started to shuffle into the studyhouse for the evening prayers. They prayed with extraordinary concentration, as if in recognition of a heavenly sign, the first ever in Palush. But immediately after the sacred silent prayer, "Eighteen Blessings," a commotion broke out and everybody stopped praying. There was no Noah-Anshel! It was a moonlit night. People searched in every corner of Palush. A few headed out to Maran and climbed the hill there. Some took a sleigh with a lantern to the Ignalina cemetery. The small gravestone marked "Noah-Anshel" seemed now to tilt a little bit to the left. So they took the lantern off the sleigh and shone it upon the stone and the surrounding earth. Nothing seemed to have been disturbed.

But three long icicles jutted down from the slanted peak of the gravestone, in the shape of three twigs from a common stem.

For many years to come, the Jews of Palush and the Christians of Maran spoke about Noah-Anshel.

On the anniversary of his death each year, a group of Palushite Jews went out to the cemetery in Ignalina to say the kaddish prayer for the dead.

A group of Maranite Christians also went to the Jewish cemetery in Ignalina to pray each year, on the day when the anniversary of Noah-Anshel's death fell according to their own calendar.

The regulars in the Palush studyhouse were certain that the ascetic kabbalist of Mount Maran verily descended down unto them for a winterday's visit.

But others thought the stranger to be a demon, an evil spirit whose real intention was to shake the belief of the devout.

And some agreed with Chaya-Sorra the seamstress that he was a charlatan, maybe a twin brother, or even just a skillful prankster who made himself a scar like the dead man's, in order to fool people. "Not enough fakers in the world to make you think?" she would ask. And she provided the people of Palush with her reasoning:

"If this world is so boring for him, like the big-shot said there in the studyhouse, and no one up there is interested in what's going on down here, then why in the world – this world or that world – did he himself come down here to bang on our teakettles?"

There were differing theories within Chaya-Sorra's crowd. Some suspected the Ignalina undertaker of having planned the whole thing as a big joke, a once-in-a-lifetime hoax. "What, an undertaker doesn't know how to make it look like he fainted, ah? Believe you me," they would say, "an undertaker knows how to make hair stand to the left, to the right, and to the center!"

Only one Palushite, Shmaya the judge, believed to the end of his days that the whole story, which he did not pretend to understand, had something to do with the very unusual Christians of Maran who light candles on Friday night, a remnant of a remnant of their once-upon-a-time Jewishness. He was afraid to confide his thoughts to anyone, even his own wife.

Blue-checkered shirts of flannel became popular among both Maran Christians and Palushite Jews, and can be seen in both villages to this day.

And they were all sad that it might be the case, that only a tiny select few have souls worthy of the Other World, and even worse, that those tiny few might not care about what goes on here in the Lower World.

But they all tried to spend their time on beautiful things, to aim for the tiny select few.

And the rest of the tales of Noah-Anshel, and of all that happened around him and because of him in Maran, in Palush, and in Ignalina, they were verily recorded by Kalmenezer the scribe in the large record book of the Palush studyhouse. There the story is called "The Kabbalist of Mount Maran." PT

— ווער ניט.

— דער רב ר׳ אברהם־מאיר זכרונו לברכה, אַוודאי.

— ניטאָ.

— דער למדן ר׳ יאָשע־בנימין זכרו ———

— ניטאָ.

— דער גבאי ר׳ ליאָקעם־משה זכ ———

— ניטאָ.

— איז ווער איז פֿון פּאַלוש דערגאַנגען?

— פֿון זינט ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ פּאַלוש — דריי יידן אינגאַנצן (איך רעכן זיך דאָך אַ מאַראַנער). דער מקובל ר׳ אַרעלייבע. די רביצין גיטקע, ז״ט דאָ אָנגעפֿירט מיטן מיידלשן חדר. כאַיקע די אָרעמענטש וואָס פֿלעגט אַרומגיין היילן ביי קראַנקע הינער דעם פּיפּעץ.

— און ווייטער קיינער?

— און ווייטער קיינער.

— און דער צד־השווה? צדיקים אַלע געווען?

— וואו צדיקים? זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט די שיינע זאַכן. תּפֿארת והוד. קיין פֿלעק אויף דער נשמה ניט צוגעלאָזן.

— און זיי גייט אויכעט ניט אָן אַראָפּכאַפּן זיך?

— אָ׳ צו וואָס? סקוטשנע שבסקוטשנע! מער נודנע ווי דאָ ביי אייך קען גאָר ניט זיין. דערפֿאַר איז זי אַ פּרוזדור, די וועלט, אַ פּירהויז!

מ׳האָט גענומען אַריינשאַרן זיך אין בית־מדרש צו מעריב. מ׳האָט געדאַוונט מיט אַ כוונה יתירה, ביז צום סוף פֿון שמונה־עשרה. תּיכּף נאָך דער עמידה איז געוואָרן אַ ראַזרוך. ניטאָ נח־אנשיל. ס׳איז געווען אַ לבנה נאַכט. מ׳האָט אַרומגעזוכט אין יעדן ווינקל פֿון פּאַלוש. אַ ביסל יידן זיינען אַוועק אין וועג פֿון מאַראַן. אַ גרעסערע חברה — צום קבר אויפֿן איגנאַלינער בית־עולם. די מצבה, אַ קליינינקע איז זי געווען, איז שוין פֿון לאַנג געווען אַ ביסל איינגעבויגן. דריי לאַנגע אייז־ליכטלעך זיינען אַראָפּגעהאַנגען ווי שפּיזן פֿון איר אלכסונדיקן קאָפּ. אין ערגעץ ט׳מען קיין סימן ניט געטראָפֿן פֿון דעם נח־אנשלען.

לאַנגע יאָרן האָט מען אין פּאַלוש גערעדט פֿון נח־אנשלען. צום יאָרצייט איז מען אַוועק אויפֿן איגנאַלינער בית־עולם. מאַראַנער קריסטן זיינען אויך געקומען אויפֿן קבר אַלע יאָר, לויט זייער לוח.

די בית־מדרש יידן האָבן געהאַלטן אַז צו זיי איז דער פּרוש פֿון מאַראַנער באַרג טאַקע אַראָפּ פֿון יענער וועלט אויף אַ קורצן ווינטערדיקן טאָג.

ביי אַנדערע איז געבליבן אַז דאָס איז געווען אַ שד, אַ ניטגוטער וואָס קומט מאַכן יידן פֿאַר כּפֿירהניקעס.

אַ ביסל האָבן מיט חיה־שׂרהן געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען אַ שאַרלאַטאַן, אפֿשר אַ צווילינג ברודער צי סתּם אַ לץ וואָס האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין שראַם ווי ביי יענעם אויף אָפּצונאַרן קהל. ביי איר איז עס געווען אַ פּשוטער שׂכל:

— אַז די וועלט איז אים אַזוי סקוטשנע, און קיינעם פֿון דאָרטן גייט ניט אָן אַראָפּכאַפּן זיך, טאָ צו וואָס איז ער אַליין געקומען דרייען אַ קאָפּ?

ביי חיה־שׂרהס מענטשן האָבן טייל חושד געווען, אַז דער איגנאַלינער קבֿרות־ייד האָט עס אַלצדינג געמאַכט אויף קאַטאָוועס. אַ קבֿרות־ייד דאַרף זיך אויך מאַכן אַ ביסל פֿרייד, האָט ער זיך געמאַכט געפּגרט מען זאָל אים אַוועקטראָגן אויסרייכערן. יענער׳ס שוין געוואוסט ווי אַזוי מ׳מאַכט די האָר זאָלן זיך שטעלן קאַפּויער.

איין שמעיה דיין האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַלטן, אַז דאָ געווען שייך די מאַראַנער קריסטן וואָס צינדן שבת ליכט, אַ זכר פֿון אַ זכר פֿון אַמאָליקער יידישקייט. אַז אַנדערע קריסטן וואָלטן זיך אומגעקערט צום דרך פֿון אברהם, יצחק און יעקב, אַזוי׳ט ער געהאַלטן, וואָלטן אַנדערע אויך אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים. דעם איינפֿאַל האָט ער קיינעם ניט פֿאַרטרויט, די יידענע אויכעט ניט.

סיי ביי פּאַלושער יידן און סיי ביי מאַראַנער קריסטן איז אַ מאָדע געוואָרן גיין מיט בייקענע העמדער מיט בלויע קעסטעלעך.

און ביי זיי אַלעמען איז אַן אייביקער טרויער געבליבן, אַז ס׳קען גרייַלעך זיין אַז אַפֿילו ביי די פּאָר נשמות, מיעוטא דמיעוטא, וואָס קומען אָן אין גן־עדן, גייט זי אָנעט די גאַנצע וועלט ווי אַ פֿאַראַיאָריקער שניי.

און אַלצדינג פֿון נח־אנשלען און פֿון דעם אַלעמען וואָס ס׳האָט זיך מיט אים אָפּגעטאָן אין מאַראַן, אין פּאַלוש און אין איגנאַלינע, אָט דאָס אַלץ האָט דאָך פֿאַרשריבן קאַלמענעזער דער סופֿר אין פּאַלושער בית־מדרש אין גרויסן פּנקס. ביי אים הייסט די מעשה: „הפּרוש מהר מאַראַן". PT

